# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 5 • דאנערשטאג, כ"ה חשון תשפ"ז • 5טן נאוועמבער 2026 • פרשת חיי שרה**

וַיָּקָם הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ לְאַבְרָהָם לַאֲחֻזַּת קָבֶר

בראשית כ"ג, כ' • פרשת חיי שרה



### אין דעם נומער

**מערת המכפלה**
שמעלקא'לע • לכבוד שבת קודש

**קיחה קיחה משדה עפרון**
הלכה־שמועס

**ר' יענקעלע פשעווארסקער**
אנשי שם • צום יארצייט

**עפרון: קארג אדער בעל חסד?**
א שמועס אויף דער סדרה

**ווען איז א מענטש טויט?**
תורה און וויסנשאפט

**מען זיכט א שידוך פאר זאפטל**
בעל מדות • הומאר

ארכיוו
נומער 5 • דאנערשטאג, כ"ה חשון תשפ"ז
5טן נאוועמבער 2026 • פרשת חיי שרה

הקדמה

# חיי שרה: א פעלד, א מערה און א שידוך

א גוטן דאנערשטאג, טייערע לייענער!

די וואך לערנען מיר פרשת חיי שרה, און די סדרה הייבט זיך אן מיט א געשעפט: אברהם אבינו קויפט דאס פעלד און די מערה פון עפרון החתי, פאר פיר הונדערט שקל זילבער. דערפאר הייבן מיר אן מיט דער מערה אליין. „שמעלקא'לע" דערציילט די היסטאריע פון מערת המכפלה – ווער עס האט געבויט די גרויסע געביידע, ווער עס האט דארט באזוכט, און די מעשה מיטן שווערד פונעם טערקישן פאשא.

אין „שמועסן אויף דער סדרה" שטעלט „אליצפן" א שאלה וואס יעדער האט שוין אמאל געטראכט: וואס האט עפרון שלעכטס געטון? ער האט דאך געוואלט אוועקגעבן דאס פעלד אומזיסט! און אין „הלכה־שמועס" ווייזט זיך ארויס אז דאס זעלבע געשעפט ליגט אין אנהייב פון מסכת קידושין: „קיחה קיחה משדה עפרון".

„ויקם אברהם מעל פני מתו" – אין „תורה און וויסנשאפט" שמועסט מען וועגן דער שווערער שאלה ווען א מענטש איז טויט. שבת קודש, כ"ז חשון, איז דער יארצייט פון ר' יענקעלע פשעווארסקער, און אין „אנשי שם" פארגלייכט מען אים מיט ר' בן ציון שענקער. די גאנצע רשימה יארצייטן פון דער וואך געפינט איר אויך אינעווייניג.

די צווייטע העלפט פון דער סדרה איז די שידוך פון יצחק און רבקה. דערפאר דער הומאר: א טאטע רופט אן א שדכנטע און לויבט זיין זון. דערצו: פערל פון היידפארק – „קרעמער" און זיינע שאלות אויף דער סדרה, און א מעשה פון ר' יענקעלע – „היינט מיט . . . יאר צוריק", און די תגובה פון דער וואך – עפרון'ס געשעפט, ווי מען וואלט עס היינט געמאכט.

שבת קודש בענטשט מען ראש חודש כסלו, וואס פאלט אויס דינסטאג און מיטוואך.

אלע שטיקער זענען אויסגעקליבן פון די ארכיוון און מגיה געווען לויט די כללים פון אויסלייג און גראמאטיק. דער טעקסט איז געבליבן ווי די שרייבער האבן אים געשריבן, אויסער די תיקונים וואס די כללים פאדערן; וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט [פארקירצט]. א גוט שבת!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| לכבוד שבת קודש | מערת המכפלה: פון אברהם אבינו ביז היינט • שמעלקא'לע | 3 |
| שמועסן אויף דער סדרה | עפרון החתי: א געלטגייציגער, אדער א גוטהארציגער בעל חסד? • אליצפן, יאיר, הערשי און אנדערע | 7 |
| הלכה־שמועס | קיחה קיחה משדה עפרון • ארגינעלער, mefikel, פאטאקים08 און שירעם | 10 |
| תורה און וויסנשאפט | ווען איז א מענטש טויט? • יידל, על המחיה, דעת תורה און הקטן | 13 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 14 |
| אנשי שם • צום יארצייט | ר' יענקעלע פשעווארסקער און ר' בן ציון שענקער • moshav zekeinim, ליטוואק פון בודאפעסט און berlbalaguleh | 17 |
| לוח | יארצייטן פון דער וואך • פרזנים10 און כינר1 | 19 |
| הומאר | מען זיכט א שידוך פאר זאפטל • בעל מדות | 20 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 22 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • מאטי | 25 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 27 |

לכבוד שבת קודש

# מערת המכפלה: פון אברהם אבינו ביז היינט

די וואך קויפט אברהם אבינו דאס פעלד פון עפרון. „שמעלקא'לע“ דערציילט די היסטאריע פון דער מערה: ווער עס האט זי געבויט, ווער עס האט דארט באזוכט, וואס איז דארט געשען אין די לעצטע הונדערט יאר – און די מעשה מיטן שווערד פונעם פאשא.

פון **שמעלקא'לע**

קאווע שטיבל • היסטאריע • „מערת המכפלה“ • 24סטן נאוועמבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11105.html

מיר וועלן אי"ה ממשיך זיין מיט אונזער וועכנטליכן פראיעקט פון ידיעות אין דער וואכעדיגער פרשה, דאסמאל איבער דער היסטאריע פון מקום מנוחת אבותינו ואמהותינו הק', אין "מערת המכפלה".

אנהייב פון דער וואכעדיגער פרשה, לערנען מיר איבער דעם מקח וואס אברהם אבינו האט געהאט מיטן שווינדלער עפרון החיתי, ווען ער האט אפגעקויפט די מערת המכפלה. וועלן מיר אביסל שרייבן איבער ידיעות ארום מערת המכפלה, איבער אירע אייגנטומער במשך די דורות, איר אויסשטעל און איבער פארשידענע באזוכער וואס האבן דארט באזוכט, און וואס עס טוט זיך דארט היינט צוטאג'ס.

## אין די ערשטע טעג

מערת המכפלה איז דער פלאץ וואו עס זענען באערדיגט די הייליגע אבות ואמהות, עס געפינט זיך אונטער א הערליכע געביידע אין מזרח זייט פון חברון, אין דער מערה ליגן אדם און חוה, אברהם און שרה, יצחק און רבקה, און יעקב מיט לאה.

אזוי אויך ווייסט יעדער פון דעם מדרש וויאזוי חושים בן דן האט אראפגערוקט עשו'ס קאפ וואס האט זיך אראפגעקוילערט און אריינגעפלויגן אין מערת המכפלה, און דארט ליגט זיין קאפ ביזן היינטיגן טאג.

דער וועג וויאזוי אברהם אבינו האט אנטדעקט דעם פלאץ ווייסט דאך יעדער חדר אינגל, ווען אברהם אבינו האט צוגעגרייט פאר די מלאכים דאס עסן, איז א קעלבל אנטלאפן ביז צום מערת המכפלה, און אזוי האט מען געטראפן די מקום קבורה פון אדם און חוה. אברהם אבינו האט דאס אפגעקויפט בכסף מלא פון דעם בעה"ב עפרון החיתי, טראץ דעם איבערגעטריבענעם פרייז וואס ער האט געבעטן דערפאר.

## די הערליכע היסטארישע געביידע

דער פראכטפולער היסטארישער פעסטונג וואס איז געבויט העכער די מערה איז גאר אלט, ממש א היסטארישע שטיק, עס איז פון די געציילטע בנינים פון יענע תקופה וואס זענען אין אזא גוטע צושטאנד.

די אנגענומענע טעאריע איז אז עס איז געבויט געווארן אין די צייטן פון בית המקדש השני, וויבאלד דער געביידע האט גאר שטארקע ענליכקייטן צום מעכטיגן פאלאץ "בנין הורדוס", דערפאר ווילן היסטאריקער זאגן אז הורדוס המלך האט אויך געבויט די בנין העכער מערת המכפלה.

אנדערע זאגן אבער אז די בנין פון מערת המכפלה איז מיט א שיינע פאר יאר עלטער פון בנין הורדוס, דער בנין איז געבויט געווארן דורך די אדומיים, אייניקלעך פון עשו, וואס האבן עס געבויט לכבוד דעם קאפ פון זייער זיידע, און הורדוס האט נאכגעמאכט דעם געבוי.

אונטער דער ביזאנטישער הערשאפט אין ארץ ישראל (אין סוף תקופת התלמוד) האט מען צוגעלייגט דארט די טורעמע'ס ארום דער געביידע, אזוויי די רוימישע סטיל פון בויען בימים ההם.

## א באזוך אין מערת המכפלה

במשך די דורות האבן אסאך באזוכט אויפן פלאץ און אפגעשריבן זייערע מעמוארן. די ערשטע פון וואס מיר ווייסן איז דער הייליגער נשיא כלב בן יפונה וואס איז געווען פון די מרגלים, און ווי די גמרא דערציילט איז מס' סוטה האט ער זיך משתתח געווען על קברי אבות און מתפלל געווען געראטעוועט צו ווערן פון דער שלעכטער עצת מרגלים.

## און ער האט באשטימט דעם טאג פון זיין באזוך אלס א יו"ט פאר זיך און די איניקלעך

דער הייליגער רמב"ם האט דארט באזוכט אין א זונטאג, ט' חשון בשנת ד"א תתקכ"ו, און ער האט באשטימט דעם טאג פון זיין באזוך אלס א יו"ט פאר זיך און די איניקלעך. רבינו עובדיה מברטנורא האט אויך דארט באזוכט, ער שילדערט זיין באזוך וויאזוי ער פלעגט זיצן לאנגע וואכן אין חברון, וויבאלד ער גלייכט זייער די חברונ'ע אידן, וואס זענען ווייניג אין צאל, און וואוינען אפגעזונדערט פון די אראבער, אנדערש ווי די ירושלימ'ע אידן.

שפעטער אביסל איז געווען געצוימט פאר אידן צו זיין אין מערת המכפלה, ווי עס שרייבט דער רייזענדער רבי משולם פון וואלטורא, מ'קען אריינגיין בלויז מיט דער "שר מערת המכפלה" וואס איז א נאבעלער מאן, כאטש וואס די איינוואוינער זענען פיינע מענטשן, לאזן זיי אבער נישט אריין אין דער מערה זעלבסט וויבאלד עס איז דא דארט אן אראבישער געבעט-הויז, און די אידן האבן די מעגליכקייט בלויז צו מתפלל זיין פון א פענסטער וואו מ'קען זען די קברים.

ווי ער שרייבט ווייטער, כאפן זיך אידישע ווייבער אריין צו דער מערה אנגעטון ווי אראבקע'ס, און זיי דערציילן אז עס ברענען העכער די קברים הערליכע גאלדענע לייכטער פול מיט לעכט. נאך א רייזענדער ר' שמואל ב"ר שמשון שרייבט אין יאר ד"א תתק"ע אז ער איז דארט געווען און מ'דארף אראפשטייגן 24 שטיגן ביז מ'דערגרייכט די קברים, וואס זענען הויכע פעלזנשטיינער.

### די שרעקליכע רציחות אין חברון

אין יאר תרפ"ט זענען די אראבער ווילד געווארן נאכדעם וואס די ציונים האבן זיי אויפגערייצט (עס איז געווען א שיינע פאר יאר איידער הקמת המדינה, אבער די ציוניסטישע אקטיוויסטן האבן דורכגעשפירט שרעקליכע טעראר אקטן צו פארטרייבן די ענגלענדער און די אראבער פון ארץ ישראל), און דער גייסטליכער מופטי 'כאעדזש אמין אל כוסייני' האט צוגעזאגט שטיקער גן עדן פאר יעדן אראבער וואס מארדעט א איד רח"ל.

עס איז דעמאלט פארגעקומען א פראטעסט מיט ראיאטן דורך די ציונים ביים כותל המערבי, פון דארט האבן זיי זיך ארויסגעלאזט צום אראבישן מארק צוווארפן א שרעק, זיי האבן גע'גנב'עט און געפלינדערט אומשולדיגע פארקויפער, און דאס האט שוין ארויסגענומען די אראבישע רוצחים פון די כלים, און זיי האבן זיך מיט א רציחה ארויסגעלאזט איבער די חברונ'ע גאסן, און בלוטדורשטיג אומגעברענגט צענדליגע קדושים מיט שרעקליכע מיתות משונות. עס האט זיך געענדיגט גאר ביטער, מיט 133 לוויל און 232 שווער פארוואונדעטע אידן ה"י.

דעמאלט האט מען פארטריבן די אידן פון חברון, און מער נישט אריינגעלאזט קיין אידן צום מערת המכפלה. די ענגלענדער – וואס זענען געווען גאר אויפדעברוויזט אויף די ציוניסטישע שטיק פון וואס זיי האבן טאג טעגליך געליטן – זענען געשטאנען אויפן וואך, און זיכער געמאכט אז א איד וואס דערוואגט זיך צו קומען נאנט אהין, גייט נישט אוועק פון דארט מיט גאנצע ביינער.

### אונטער מדינת ישראל'ס אקופאציע

אינמיטן סוכות, י"ח תשרי תשכ"ט האט מדינת ישראל צוגענומען די מאכט פונעם אראבישן קאדי אין חברון, און זיך דערקלערט אלץ די בעלי בתים פון מערת המכפלה. קורץ נאך דער זעקס טאג מלחמה אין א"י, האט מען געווארפן גראנאטן אויף אידן וואס זענען געקומען דארט מתפלל זיין. אלס נקמה אקט האט די ציוניסטישע מיליטער אראפגעריסן אפאר שטיגן פון דער מערה און דאס צוגרונד געלייגט.

אום פורים תשנ"ד, האט א צולאזטער ציוניסטישער כוליגאן אנגעטון אין איזראעלישע מיליטערישע מונדירן מיטן נאמען ברוך גאלדשטיין, אדורכגעפירט א שרעקליכע מארד וואו ער האט אויסגע'שחט'ן 29 מוסלעמנער און פארוואונדעט 125 אנדערע, בשעת זיי האבן געפלעפלט אין זייער חאגע, ביים געבעט הויז אינעם מערת המכפלה. מען האט אים אויפן פלאץ אומשעדליך געמאכט, און א שטיק צייט האבן אידן געציטערט אהינצוגיין.

זאל השי"ת העלפן אז בקרוב זאלן אויפשטיין די ישיני עפר, די אבות ואמהות וואס ליגן דארט, בביאת הגואל בב"א.

### מעשה שהיה: א שווערד אין דער מערה

דער פאשא (גובערנאטאר) פון איסטאנבול איז געקומען אויף א באזוך אין חברון, ארומפארנדיג צו באאבאכטן דאס לאנד וואס האט דאן באלאנגט אונטער זיין הערשאפט. ווי באקאנט איז דער מוסלעמענער רוה טאג פרייטאג, איז ער יענער פרייטאג - ווײלנדיג אין חברון - געגאנגען פלעפלען אינעם מעטשעט וואס שטייט העכערן מערת המכפלה.

פון גרויס נייגער האט ער געעפנט דעם דעקל וואס פירט אראפ צום טיפענישן פון דער מערה, און... זיין מאסיווער טייערער בליטשקעדיגער איסגעבלאנקעטער שווערד, האט זיך א גליטש געטון, גראד אריין צום מערה--

מיר דארפן פארשטיין, א שווערד פון א הערשער איז א גאנצער אפגאט: עס צייגט מאכט, און רייכטום ביינאזאם. און אז דער גרויסער טערקישער פאשא פון טערקיי איז שווערדלאז, אך און

ווײ איז דאס... כל שכן אזא שווערד ווי ער האט פארמאגט, עס איז געווען א שטיק ריין גאלד, באצירט מיט די שענסטע דיאמאנטן און בריליאנטן וואס די מארקעט טראגט מיט זיך, און דא - אזא בראך!

האט דער פאשא א בייזער באפוילן פאר זיינע באדינער, מ'זאל זיך אראפלאזן מיט שטריק צו מערה, און אפירברענגען דעם שווערד. א באדינער איז צוגעבינדן געווארן מיט א לעכט אין די הענט, און מ'האט אפגעשמועסט אז ווען ער טרעפט עס זאל ער הייבן זיין שטימע, און מ'וועט דאן הייבן דעם שטריק און אים ארויסנעמען פון דארט. אומר ועושה, ער איז אראפ, דער עולם שטייט אויב געשפאנט, אבער...

א שטילקייט. אין קול ואין עונה. גארנישט.

מ'שלעפט ארויף דעם שטריק, און עס באווייזט זיך א בלאסע אייז - קאלטער קערפער, שוין נישט קיין לעבעדיגער. עס כאפט א ציטער פאר די ארומיגע פון די שוידערליכע אנטדעקונג, אבער דער פאשא וויל נישט הערן פון קיינע מעשיות, ער שיקט אראפ א צווייטן משרת. עס נעמט נישט קיין סאך צייט צו געוואר ווערן, אז עס איז בכלל נישט קיין וויץ, אויך דער צווייטער איז ארויפגעשלעפט געווארן א נישט מער בין החיים'דיגער.

"וואס טוט מען דא? איך קען דאך נישט אויס'הרג'נען מיין גאנצע סוויטע, אבער איך קען אויך נישט פארלאזן חברון אן מיין שווערד"! האט זיך דער פאשא ממש געווארפן פון כעס און געדונערט מיט זיין באסאווע שטימע. און דאן איז געקומען זיין לעזונג: די אידן!

ער האט ארויסגעשיקט א רייטער צו דער אידישער געמיינדע, וואו ער האט זיי אפן און קלאר אנגעדייטעט, אז ער דארף דעם שווערד רויט אדער טויט. אינטערעסירט אים נישט גארנישט, אהער מיטן שווערד! א גרויס פחד איז געפאלן אין דער אידיש'ער חברון'ער געמיינדע, מען האט געווארפן גורל ווער עס וועט זיין דער שליח ארויסצוברענגען דעם חרב חדה פונעם בייזן פאשא, און דער געווינער איז געווען דער גרויסער צדיק בעל "חסד לאברהם" זי"ע.

ער איז געגאנגען זיך טובל'ען אין מקוה, זיך אנגעטון די תכריכים, און געמאלדן פארן פאשא'ס חד גדיא אז באלד ביים עלות וועט ער זיין גרייט צו דער מיסיע. א גאנצע נאכט האט ער גע'דרש'נט מיט דברי קבלה איבער אברהם אבינו, און ווען דער זון האט אנגעהויבן צו ווארפן זיינע ערשטע שטראלן, האט זיך דער צדיק ארויסגעלאזט צום מערת המכפלה, ווען דער ביהמ"ד אין חברון איז געפאקט קעפ אויף קעפ, פול מיט מענטשן וואס רייסן איין אז דער צדיק זאל ניצול ווערן פון א מיתה משונה ל"ע.

ער קומט אן צו דער מערה - וואו עס זענען שוין געשטאנען צענדליגע ישמעאים מיט אויסגעשארפטע ציינער - דער צדיק ווערט געבינדן, און אראפגעלאזט אונטן. נאך א סעקונדע הערט מען ארויס א געשריי: "שמע ישראל!!! ווער זענט איר???"

די תשובה הערט מען צוריק ארויס: "האב נישט קיין מורא, איך בין אליעזר עבד אברהם. פארוואס ביסטו אהערגעקומען דא שטערן די רוה פון די הייליגע אבות?!"... דער צדיק האט אים דערציילט ציטערדיגערהייט די סיבה פארוואס ער האט אריינגעבלאנדזשעט אין דער מערה, און אליעזר עבד אברהם האט רעאגירט: "אויב אזוי, וועל איך בעטן רשות פון אברהם יצחק ויעקב, אויב זיי לאזן דיר אריינקומען אין דער מערה!"

נאך א שטיק צייט פון אנגעצויגנקייט, האט אים אליעזר פארבעטן אריינצוקומען. זעענדיג די הייליגע לעכטיגע צורות פון די אבות הקדושים, האט ער אויפן פלאץ גע'חלש'ט. די אבות האבן אים דערמונטערט מיט א שטיקל בשמים וואס זיי האבן אים געגעבן צו שמעקן, און ער האט זיך אויפגעוועקט, זיך טרעפנדיג ביים פתח הגן עדן. ער האט זיי דערציילט פארוואס ער איז דא, און געבעטן אז ער וויל שוין בלייבן דארט אין גן עדן, צווישן די הייליגע אבות וואס זענען נהנה מזיו השכינה.

דער ענטפער האט נישט געשפעטיגט צו קומען: אצינד דארפסטו ארויפגיין מיטן שווערד און מאכן א קידוש השם, אבער מארגן קענסטו קומען צו אונז אין גן עדן!!! דאן האט ער ארויפגעשריגן אז ער האט די שווערד - וואס איז טאקע געווען דארט אראפגעווארפן אין א זייט - און מ'האט אים ארויסגעשלעפט פון דארט.

דער פאשא איז געווען העכסט - צופרידן, און לכבוד דעם גענידער די אידישע שטייערן פארן חברונ'ער אידנטום. ווען דער חסד לאברהם איז אהיים, האט ער צאמגערופן די אידן אין ביהמ"ד און זיי דערציילט וואס ער האט מיטגעלעבט, און דערנאך האט ער זיך געגרייט צום יום המיתה.

צומארג'נס איז פארגעקומען די גרויסער לויה פונעם צדיק וטהור בעל חסד לאברהם.

זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל!

## א הערה פון א לייענער

„דולה ומשקה“ האט צוגעלייגט אין דעם זעלבן אשכול:

דער 'חסד לאברהם' (אזולאי) שרייבט אז דער גרויסע געביידע וואס מ'רופט היינט דער 'מערת המכפלה' איז בכלל נישט דער רוה ארט פאר אדם וחוה אין די אבות הקדושים, נאר מער נעבן דעם ארט וואס מ'זאגט אז דארט ליגט ישי אבי דוד.

לידיעה, דער חסד לאברהם אזולאי האט געוואוינט און איז באגראבן אויפן אלטן בית החיים אין חברון.
מיט אים איז אויך באוויסט דער מעשה, אז דער שווערד פונעם צאלאח פון אינסטאמבול איז אריין געפאלן אין דער מערה, נאך אראפ שיקן עטליכע וואס זענען צוריק טויטערהייט, איז דער גורך געפאלן אויף רבי אברהם, 'אליעזר עבד אברהם' איז אים אנטקעגן געקומען איבערגעבן דעם שווערד, א טאג שפעטער איז רבי אברהם נפטר געווארן.

דולה ומשקה • קאווע שטיבל • 28סטן נאוועמבער 2016

שמועסן אויף דער סדרה

# עפרון החתי: א געלטגייציגער, אדער א גוטהארציגער בעל חסד?

יעדער ווייסט אז עפרון איז דער סימבאל פון א קארגער. אבער אז מען לערנט די פסוקים, פרעגט „אליצפן" אויף קאווע שטיבל, וואס האט ער שלעכטס געטון? דער עולם האט געענטפערט – מיט רש"י, מיט דעם מהר"ץ חיות, און מיט א ביסל שטאט־פאליטיק פון חברון.

פון **אליצפן, יאיר, הערשי און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „עפרון החתי: א געלטגייציגער ד"א, אדער א גוטהארציגער בעל חסד?" • 25סטן–29סטן אקטאבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5044.html

**אליצפן** • 25סטן אקטאבער 2013

פון קינדערוויז אן ווייסט יעדער צו זאגן אז עפרון איז דער סימבאל פון געלטגייציקייט, קארגשאפט, און איינער וואס רעדט אסאך און טוט ווייניג.

אבער אז מ'קוקט אין דער תורה שטעלט זיך ארויס א גאנץ אנדערע בילד.

מ'זעט ווי עפרון בעט זיך בתחנונים ביי אברהם אבינו צו נעמען דעם פעלד בחינם, אבער אברהם וויל בשום אופן נישט. עפרון זאגט: "השדה נתתי לך והמערה אשר בו לך נתתיה", אבער אברהם לאזט זיך נישט "אם אתה לו שמעני נתתי כסף השדה קח ממני". ער וויל דווקא יא באצאלן.

אבער אויף דעם האט זיך עפרון ווייטער איינגעשפארט "ארץ ארבע מאות שקל כסף ביני ובינך מה הוא", וואס אויף דעם זאגט רש"י אז ער האט געמיינט צו זאגן אז אברהם זאל עס נעמען בחינם ווייל צווישן צוויי פריינט מיינט 400 שקל גארנישט.

ווי נאר אברהם האט דאס געהערט האט ער גענומען די 400 שקל און עס ארייננגעשטופט צו עפרון אין דער האנט.

שטעלט זיך די שאלה וואס האט עפרון געזאלט טון? זאל ער זיך איינ'עקש'נען נאך מער און צוריקווארפן די געלט? איך ווייס נישט וויפיל פון אונז וואלטן עס געטון. נאך אלעם איז ער נאר א בשר ודם.

איז וואס וויל מען פון עפרון? פארוואס איז ער געבליבן מיט אזא שלעכטער נאמען לדראון עולם?

**נולד מאוחר** • 26סטן אקטאבער 2013

לערנענדיג די פרשה האב איך בעמערקט עפעס אז מ'רעדט פון צוויי זאכן די מערה און די שדה. אברהם בעט קודם נאר מערת המכפלה אשר בקצה שדהו, און. עפרון ענטפערט "לא אדני שמעני השדה נתתי לך והמערה אשר בו לך נתתיה.

(דא איז אויך קלאר אזוי ווי אליצפן אז עפרון איז א בכלל נישט מאני מיינדעד)

די גאנצע שקליא וטריא ווייטער זעט מען ווי מ'רעדט פון שדה און מערה.

נאך א הערה וואס כהאב באמערקט אז 'מכפלה' איז א נאמען פון א פלאץ. "ויקם שדה עפרון אשר במכפלה אשר לפני ממרא השדה והמערה אשר בו.'' מערת המכפלה ע"פ פשטת מיינט נישט דאפלט.

צי זאגן אז דאס פלאץ הייסט מכפלה ווען דער הייל איז דוחק. בכלל ווען כבין געווען ביי דער מערה האב איך נישט געזען די צוויי שטאק.

**יאיר** • 27סטן אקטאבער 2013

דאס איז א טיפישער מאמר חז"ל ווי דער גוי איז אלס דער רשע מרושע וואס בא על נערה המאורסה פאר'ן ברענגען פלייש פאר זיין טאטן און דער איד וואס דינט א גאלדן קאלב און הרג'עט א מאן כדי צו חתונה האבן מיט זיין ווייב לא בא אלא להורות תשובה לרבים. ועי' מהר"ץ חיות שהאריך בענינים כאלו.

**יאיר** • 27סטן אקטאבער 2013

צוליב די אישי'ס וואס כ'האב באקומען האב איך נאכגעקוקט דעם מקור פון מהר"ץ חיות. עס איז אין מבוא התלמוד פרק עשרים. ער ערקלערט אז חז"ל האבן געהאט דערביי אן ענין פון חינוך. (הערת המפרש) אזוי ווי א מאמע דערציילט פאר איר קינד אז דער שלעכטער עשו האט נישט געוואלט אויפעסן די האמי פלייש וואס זיין מאמע האט אים געגעבן. אבער זיי האבן עס קיינמאל נישט געמיינט אלס פשוט פשט.

**קאווע טרינקער** • 27סטן אקטאבער 2013

[צו אליצפן:]

אין "האבות והשבטים" איז הרב קורמאן מסביר, אז אברהם האט שוין געהאט געצאלט געלט פאר עפרון, אבער אברהם האט דערשמעקט אז עפרון מיט זיינע "באי שער עירו" זענען נישט די ריכטיגע בעלי בתים, דערפאר האט ער זיך געוואנדן צו די בני חת, וכו'.

עיין שם ותמצא נחת.

**יאיר** • 27סטן אקטאבער 2013

[צו קאווע טרינקער:]

און דאס האט ער געהערט פון זיין חתי'שער שכן וואס האט דאס בקבלה איש מפי איש פון זיין זיידן עפרון אליין?

**קאווע טרינקער** • 27סטן אקטאבער 2013

ער זאגט אז ס'איז פשוט נישט שייך א צווייטע מהלך....

נאך מער, עפרון - זאגט ער - איז נישט געווען א חיתי'ער! זיין שטוב(שטוף) טאטע, צחר, איז געווען א חיתי'ער (לויט די טראפן וויזט אויס אז החיתי גייט ארויף אויף צחר, נישט אויף עפרון)

**ברסלבער** • 27סטן אקטאבער 2013

[צו אליצפן:]

איך האב פונקט געהאט א ויכוח מיט מיינער א קרוב איבער א דריטן מענטש, איך האב גע'טענה'ט אז דער מענטש חלש'ט פאר אביסל כבוד און אויפמערקזאמקייט, בעת דער צווייטער האט געהאלטן פונקט פארקערט, ער האט גע'טענה'ט אז דער מענטש איז א בורח מן הכבוד אויפן גרעסטן פארנעם. און ער האט געהאט שטארקע ראיות לדבריו, איינס אז ביי יעדע משפחה שמחה דארף מען יענעם אסאך בעטן אז ער זאל זאגן אפאר ווערטער און דערנאך ווען ער רעדט שוין הייבט ער אלץ אן "איך בין נישט קיין רעדנער און איך האב זיך נישט צוגעגרייט צו רעדן, און איך האב בכלל נישט גע'חלומ'ט אז מען וועט מיר מכבד זיין צו רעדן, נאר אז מען בעט אזוי שטארק וועל איך זאגן אפאר ווערטער", און בכלל ביי יעדע חופה דארף מען זיך גאר שטארק בעטן ביי אים אז ער נעמען א ברכה וכדומה.

יעצט ווער איז גערעכט? צו דעם דארף מען קענען אביסל די מעשה ארום, מען דארף וויסן די בעקגראנד פון דעם מענטש, און מען דארף וויסן די תוצאות וואס עס פאסירט ווען מען איז נישט מכבד יענעם מיט א דרשה אדער ברכה, אויף ווי לאנג ער געדענקט עס א.א.וו. אויך קען מען אביסל זען דעם אמת לויט די תנועות און דעם ניגון ווי אזוי יענער זאגט זיך אפ פון כבוד.

לעניננו. אין פסוק שטייט "וישמע אברהם אל עפרון וישקל אברהם לעפרן את הכסף אשר דבר באזני בני חת ארבע מאות שקל כסף עבר לסחר", די ווערטער "וישמע אברהם אל עפרון" האבן לכאורה נישט קיין פשט, עפרון האט דאך נישט געוואלט נעמען קיין געלט, וואס זאגסטו אז אברהם האט צוגעהערט צו עפרון און אים געגעבן די געלט?

האבן אבער די חז"ל געהאט מקובל די מעשה מיט אלע פיטשעקוועס ארום און ארום, און אויך די תנועות און טאן וואס עפרון האט גענוצט בשעת'ן רעדן אז עס האט אים גאנץ גוט געשמעקט די געלט, נאר עס האט אים נישט געפאסט עס צו זאגן במעמד אנשי חת, אבער ער האט עס שיין מסביר געווען ברמיזה אז וואגן זאלסטו דיך נאר מיר נישט געבן א ברכה ביי דער חופה, איך וועל עס גדענקען לעולמי עד, אבער באמת ברויך איך עס בכלל נישט והבן.

דער רשב"ם זאגט, וישמע אברהם אל עפרון: די לחכימא ברמיזא.

און מיט דעם פארשטייט מען זייער גוט דעם פסוק "וישמע אברהם אל עפרון", אברהם האט גוט פארשטאנען וואס עפרון מיינט מרמז צו זיין, און ער האט אים געגעבן וואס ער האט באמת געוואלט.

[פארקירצט]

**הערשי** • 29סטן אקטאבער 2013

ס'משמע פון די פסוקים אז אברהם האט ניטאמאל געקענט דעם עפרון פערזענליך. ער אפעלירט צו די חיתיים יושבי השער, ד.ה. די שטאט טאטעס, פאר א פאמיליע חלקה. היות ער איז גר ותושב, האט ער נישט דא קבר אבות, ברויך ער צו קויפן. ענטפערן זיי אים, אדרבא, ס'וועט אונז גאר זיין א כבוד א נשיא אלהים ווי זענט וועט קויפן אן אחוזת קבר ביי אונז אין שטאט. נאט אייך די מערות קברים מאפע, און

וועלט אייך אויס ווי איר ווילט. ס'וועט יעדעם פאסן צו ליגן נעבן אזא בירגער ווי איר, ממילא במבחר קברנו קענסטו זיך קלויבן. אברהם וועלט זיך טאקע די מערות מכפלה, און בעט מ'זאל רעדן דערוועגן מיט דעם עפרון וועלכער האלט דעם טייטל. צו זיין מזל, ועפרון יושב בתוך בני חת, ער איז געווען א באאמטער און איז געווען אנוועזנד ביי דער זיצונג. רופט ער זיך אפ, יא, דאס בין איך, און קענסט האבן די פראפערטי אומזינסט. מ'קען שוין נאטעריזין דא אינעם שטאטראט. אברהם שפארט זיך אז ער וויל דייקא צאלן. עפרון זאגט דעם פרייז פיר הונדערט. ס'נישט באקאנט די אינפלאציע ראטע, אבער ס'הערט זיך פאנטאסטיש. מסתמא איז דער עפרון געווען א גביר אז ער געזעצןביים שער, און געהאט דאס שענסטע מערה פאר זיך, א דאפעלטע גאר (א חידוש וואס על שם זה האט מען גערופן דאס גאנצע פראפערטי מכפלה). דעריבער זאגט ער ביני ובינך מה הוא. אזאנע מעכטיגע געשעפטן פאסט זיך פאר די קלאס בירגער מיר ביידע זענען.

וואס איז דער ענין פון דער גאנצער פרשה? די תורה שטרייכט אונטער אברהם האט דאס לאנד פון די חתיים באקומען פעיר ענד סקווער, ווי מ'זאגט אויף ענגליש. ער האט געצאלט אין עובר לסוחר זילבער שטיקער, ויקם, די מערה, די פעלד, די בוימער, אלס ארום און ארום, לאברהם למקנה, די בני חת האבן דאס אפילו באשטעטיגט הכל שריר וקיים. חברון שלנו מאז ולתמיד קווּעלט פון די שורות. בזמן השופטים, פונקט ווי היינט,זענען געווען מחלוקות מיט די שכנים, און די מעשה, ווי די בורות אין באר שבע,קומט אונז לערנען אונזערע רעכטן צום לאנד.

**עמוס** • 29סטן אקטאבער 2013

א דאנק, הערשי, פאר דעם שיינעם ביאור. לויט דעם זעען מיר קלאר אז די תורה איז געגעבן געווארן מן השמים, ווייל וועלכער שרייבער וואלט זיך געקענט פארשטעלן בימי מתן תורה אז אין עטליכע הונדערט יאר שפעטער וועט זיין רייבערייען ארום דעם מערת המכפלה. פאקטיש איז אינטערעסאנט אז ביז היינט שלאגט מען זיך ארום אין ארץ ישראל צווישן די ציונים און די אראבער אויף דער מערת המכפלה.

**אליצפן** • 29סטן אקטאבער 2013

[צו הערשי:]

איך מיין אז איר מאכט איין קליינע טעות, וואס מאיזה סיבה שהיא מאכן רוב מענטשן דעם זעלבן טעות.
ווען עפרון האט געזאגט ארץ ארבע מאות שקל כסף ביני ובינך מה הוא, האט ער קלאר און דייטליך געזאגט פאר אברהם "נעם עס בחינם, ווייל צווישן צוויי פריינד איז פיר הונדערט שקל גארנישט". דער וועלט טייטשט עפעס אנדערש אף דעם ביני ובינך, כאילו עפרון was out to get אברהם. אבער דער אמת איז נישט אזוי.
און אפילו לאמיר זאגן אז דער ארבע מאות שקל כסף איז געווען איבערגעטריבן, האט ער דאך סוכ"ס עס געוואלט אוועקגעבן פאר בחינם, נו איז דאך דער סדר העולם אז ווען מען געבט איינעם א מתנה פרובירט מען עס צו אהערשטעלן כאילו ס'איז ווערט פיל מער ווי ס'איז באמת ווערט.
בקיצור נאך אלע תירוצים דא זע איך נישט וואס עפרון האט דא שלעכטס געטון. ווען איך בין א גוי און כ'לעב אין יענע צייטן, וואלט איך מיך געזען משדך געווען מיט אז נגיד ובעל צדקה ווי עפרון.

**יאיר** • 29סטן אקטאבער 2013

אליצפן, לויט דיר פארוואס שטייט וישמע אברהם אל עפרון וישקול הכסף וכו'. פון דעם איז משמע אז ער האט צוגעהערט עפרון און אים געפאלגט און געגעבן געלט וואס ער האט פארלאנגט.

**אליצפן** • 29סטן אקטאבער 2013

פשטות הקרא איז משמע אז ס'גייט ארויף אז אברהם האט אנגענומען דעם פרייז שאצונג פון עפרון, און נישט גערופן קיין זעלבסטשטענדיגע עפרעיזער.

הלכה־שמועס

# קיחה קיחה משדה עפרון

„קיחה קיחה משדה עפרון“: פון דעם וואס אברהם האט געקויפט דאס פעלד לערנט די גמרא אז מען קען מקדש זיין א פרוי מיט געלט. אין נאוועמבער 2006, בשעת א חבורה האט געלערנט מסכת קידושין, האט מען אויף היידפארק געפרעגט: קען מען קויפן א פעלד מיט הנאה?

פון **ארגינעלער, mefikel, פאטאקי08 און שירעם** • איסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

היידפארק • כל העולם כולו • „שואל ומשיב במס' קידושין“ • 16טן–19טן נאוועמבער 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/2077980.html

**ארגינעלער** • 16טן נאוועמבער 2006

וואס דיר איז אזוי פשוט איז מיר גראדע שוועהר.

פון וואנען לערנען מיר ארויס אז מ'קען מקדש זיין אן אשה מיט כסף, פון קיחה קיחה משדה עפרון.

אפשר קען מיר איינער אנצייגן אז מ'זאל קענען קויפן א שדה מיט הנאה.

יא, ס'איז אפשר ווערד פאר דער אשה א שוה פרוטה, אבער דאס איז דאך קיין קנין נישט.

**mefikel** • 16טן נאוועמבער 2006

פאטאקי, ביז_אהער וכל הנאספים,

נאך איידער איך האב אויספיעט אריינצוקוקן און די מפרשים, מיין איך אז ס'פעלט נאר אביסל סדר, איך וועל פרובירן צו גיין שטאט.

א) תן מנה לפלוני ואקדש אני לך: אפי' די פרוי זעלבסט האט נישט באקומען די געלט, דעסטוועגן מקודשת מדין ערב, ביי ערב זע מיר א גרויסן חידוש אז אפי' ס'איז לא מטא הנאה לידיה ער באקומט דאך נישט די מעות ההלוואה, דעסטוועגן משעבד נפשיה אזוי אויך דא.

יעצט ברויך מען צו פארשטיין וואס פונקטליך איז דא דער חידוש? וואס ווער איך געוואור פון ערב? אא"וו, אויף דעם איז דא עטליכע מהלכים ס'ווענדט זיך פון וועלכע סארט ערב (ערב קבלן, שלוף דוץ) מ'רעדט, מיר וועלן זיך באציען צו צווי מהלכים (ביידע זענען אביסל שווער):

1) בההיא הנאה: פארוואס איז זיך אן ערב גרייט משעבד צו זיין (סתם אן ערב וואס נעמט זיך אינטער צו באצאלן אין פאל דער לוה באצאלט נישט) ווייל ער האט הנאה אז איינער איז מוציא מעות על פיו פאראהאנדן מענטשן וואס גלייכן ווען ס'איז מי שאמר ונעשה רצונו די זעלביגע דא ביי דער פרוי וויבאלד זי האט פארלאנגט פונעם מאן אז ער זאל מוציא זיין מעות איז עס פאר איר אן הנאה גמרה ומקניא נפשה.

איי פרעגט דאך ביז_אהער זייער גיט, איעדער חדר אינגל ווייסט אז סיי וועלכע הנאה א מאן איז גורם פאר א פרוי לשם קידושין אויב ס'איז שווה א פרוטה איז זי מקודשת, נאר הא גופא אז מוציא זיין מעות ע"פ איז שוה פרוטה ווער איך געוואור פון ערב.

2) קנין: ס'פאראהאנדן אן ערב וואס ער זאגט פאר'ן מלוה די בארג געלט פאר'ן לוה און איך וועל באצאלן דאס געלט אן דעם וואס ער זאל אפי' פרובירן צו בעטן ביים לוה זעלבסט, דאס ווערט אנגערופן אן ערב שלוף דוץ (שלעפ ארויס דעם לוה, און לייג אריין דעם ערב), דאס איז א חידוש אז אפי' ער האט נישט באקומען קיין איין פעני' פונעם מלוה איז ער מחויב עם צובאצאלן טבין ותקילין ווייל איך באטראכט עס כאילו ער האט באקומען דאס גאנצע געלט.

די זעלבע ביי קידושין ווען א פרוי הייסט פאר'ן מאן געבן געלט פאר א דריטן איז עס כאילו זי האט באקומען דאס געלט, און מיט יענע געלט ווערט זי מקודשת.

למאי נפק"מ: אויב די פרוי זאגט זרוק מנה לים ואקדש אני לך לויט דעם ערשטן מהלך איז דאס אויך נחשב א הנאה פון מוציא מעות ע"פ, משא"כ לויט דעם צווייטן גאנג קען זיין אז דאס ארבעט דורכדעם וואס דער מקבל על דעת דעם ערב\אשה ממילא פעלט אויס א מקבל וליכא, ודו"ק (ויש עוד חילוקים ואכמ"ל)

שפעטער וועלן מיר זיך אומקערן צו דער צווייטער חלוקה מדין עבד כנעני, ביזדערווייל זאל מען איבערחזר'ן און ווער ס'פארשטייט נישט זאל זיך אוודאי נישט שעמען איבערצופרעגן ווייל לא הביישן למד לערנט אונז חז"ל

**mefikel** • 16טן נאוועמבער 2006

אריגינעלער, אויב די הנאה איז א שווה פרוטה קען מען דערמיט קויפן א פעלד אויך, 100 פראצענט,

THE ONLY THING THAT REALY MATTERS IS? MONEY, COPY.

**פאטאקי08** • 16טן נאוועמבער 2006

[צו ארגינעלער:]

ווער זאגט אז דאס אז מען קען מקדש זיין מיט הנאה קומט דוקא פון קיחה קיחה. אפשר לערן איך עס ארויס פון ביאה און כסף צוזאמען.

[צו מפיקל:]

וואס דו זאגסט לערנסטו עס פון די מפרשים? לויט ווי איך לערן אין דער גמרא עברי טייטש איז פינקט קאפויער ווי דו זאגסט. אין דער גמרא שטייט: "אף האי איתתא נמי אף על גף דלא מטה הנאה לידה קא מקניה ומשעבדא נפשה."

פינקט ווי אן ערב כאטשיג ער באקומט זיראו וויבאלד ער האט געהייסן געבן איז ער משועבד (ליין: ער האט באקומען פון) צום מלוה די זעלבע די פרוי כאטש זי האט נישט באקומען פון מאן וויבאלד זי האט געזאגט געב עס פאר פלוני איז זי געווארן משועבד פארן מאן און עס איז פונקט ווי זי האט עס באקומען פון אים (לכאורה קוקט עס אויס ווי קידושי כסף, און קידושי כסף האט גארנישט מיט הנאה. הנאה לערנט מען ארויס פון ביאה און כסף צוזאמען).

די גאנצע זאך אז זי האט הנאה קומט ערשט אראפ שפעטער און עמוד מיט דעם חידוש פון אדם חשוב.

1) די מיקם פון ערב מיט מיט הנאה פון וואנעט האסטו עס גענומען?

2) וואס איז געווארן מיט דעם ואקדש אני לו?

איך האב שוין נישט קיין נעגל צו בייסן

**mefikel** • 16טן נאוועמבער 2006

פאטאקי, דו זאגסט און אנדערע ווערטער דעם צווייטן פשט וואס איך האב אראפגעברענגט.

אגב, ס'איז דא א ספר בירורי השיטות אויף מס' קידושין וואס איז זייער שיין מבאר ע"פ הראשונים וגדולי האחרונים דף נאך דף, ס'איז כדאי אריינצוקוקן.

דאס אז מ'קען מקדש זיין מיט הנאה איז קלאר פון קידושי כסף אזוי ווי די גמרא איז מסיים וכן לענין ממונא וואס וויזוי רש"י איז דאס מסביר, קען מען קונה זיין א פעלד אויף די אלע אופנים וואס רבא איז מחדש אז מ'קען מקדש זיין א פרוי (אינקלאדינג באדם חשוב)

[פאטאקי, בייס נישט די נעגל ווייל נאכדעם וועסטו זיך שבת זיך אויך נישט קענען איינהאלטן]

**mefikel** • 16טן נאוועמבער 2006

וואס זאגסטו צו מיין ראיה פון וכן לענין ממונא?

דער תירוץ אויף דיין קשיא איז לכאורה אזוי, לעולם מדין שניהם ווערט מיר נתגלה אז סיי דער מאן מוז נישט זיין דער נותן און סיי די פרוי מוז נישט זיין די מקבל (צוויי פרעמדע האבן זיך צוזאמענגעטראפן...) און לפי"ז וואלט די זעלבע הלכה געקענט זיין מיט א דריטן.

דער חידוש איז אז עס איז פארהאנען א מציאות אז דער מאן האט באקומען געלט און ער איז גאר דער מקדש פונקט קאפויער ווי נארמאל (אגב, שפעטער ביי אדם חשוב איז נאך מער, ווייל דארט גיבט דאס די פרוי אויך)

(כנלפע"ד לחידודא בעלמא מבלי לעיין בספרי המפרשים, ובאם אמצא עוד אעתיקו בל"נ)

[פאטאקי, איך האף אז לכה"פ אז דו זאלסט קענען שלאפן איז עס גענוג, מיזט דאך האבן אן אויסגערוטן קאפ מארגן צום נייעם שיעור]

**שירעם** • 17טן נאוועמבער 2006

ארגינעלער האט געפרעגט, "פון וואנען לערנען מיר ארויס אז מ'קען מקדש זיין אן אשה מיט כסף, פון קיחה קיחה משדה עפרון. אפשר קען מיר איינער אנצייגן אז מ'זאל קענען קויפן א שדה מיט הנאה."

האט מפוקל געענטפערט, "אויב די הנאה איז א שווה פרוטה קען מען דערמיט קויפן א פעלד אויך, 100 פראצענט."

פון וואנעט נעמסטו דעס מפוקל אז מ'קען קויפן א פעלד מיט א שווה פרוטה?

אין תוס' דף ב' עמוד א' ד"ה בפרוטה ובשוה פרוטה, זעט מען קלאר אנדערש ווי דו האסט געזאגט, און תוס' האט אנדערע לימודים פארוואס מ'קען מקדש זיין מיט א שווה פרוטה.

**mefikel** • 17טן נאוועמבער 2006

שירעם, איך האב געברענגט א ראיה פון וכן לענין ממונא וואס וויאזוי רש"י איז דאס מסביר מיינט דאס קויפן א פעלד, אדרבא וואס האלט תוס?

[פארקירצט]

פאטאקי, האסט עס שוין כמעט געכאפט, די דראמא איז נאר פונקט פארקערט ווי דו האסט געוואלט "דער מאן באקומט געלט און ער איז גאר מקדש א פרוי" ווער וואלט זיך ווען דאס אמאל געגלייבט, האסטא-קאטשא-פייא!

**mefikel** • 19טן נאוועמבער 2006

שירעם,

תוספות זאגט אז דאס אז כסף מיינט נישט דוקא גרינע דאלארן עס קען זיין שווה כסף אויך, דאס זעט מען פון עבד עברי ונזקין, אבער אוודאי בלייבט דער עיקר לימוד פון קיחה קיחה משדה עפרון (אדער פון ויצאה חנם עי' בדפים ד-ה)

אגב, אלס א מילתא דבדיחותא אנצוהייבן די וואך גוטמוטיג,

יארמא רב זאגט, "ווען כ'האב געזוכט א שידוך פאר מיין זון, האט מיך דער שדכן א פרעג געטאן

-ס'מוז דוקא זיין א שידוך מיט געלט?

-ניין, געלט אליין איז אויך גיט!"

ודפח"ח

תורה און וויסנשאפט

# ווען איז א מענטש טויט?

„ויקם אברהם מעל פני מתו“. אבער ווען איז א מענטש טויט – ווען דאס הארץ הערט אויף צו קלאפן, אדער ווען דער מוח שטארבט? א שמועס אויף קאווע שטיבל, פון 2012 ביז 2016, וועגן מוח־טויט, די וויסנשאפט און די פוסקים.

פון **יידל, על המחיה, דעת תורה און הקטן** • איסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „מוח-טויט: וואל סטריט דזשורנאל שרעקט אן מענטשען“ • 12טן מערץ 2012 – 5טן מאי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/146.html

**יידל** • 12טן מערץ 2012

די וואל סטריט דזשורנאל האט אן ארטיקל וועגן מוח-טויטע מענטשן. דער ארטיקל רעדט כמעט נישט פון דעם מעדיצינישן חלק פון מוח-טויט, אויך נישט וועגן דעם מאראלישן חלק. דער ארטיקל רעדט וויאזוי א טויטער מענטש דארף זיין "קאלט, שטייף, גרוי און נישט אטעמענדיג", נישט "ווארעם, פינק און אטעמענדיג". ער פארציילט אבער נישט וויאזוי א מענטש אן א קאפ וועט פונקט אזוי זיין "ווארעם, פינק, און "אטעמענדיג"" ווילאנג מען מאכט זיכער אז די לינגען באקומען לופט (דורך א ראספיראטאר). דער ארטיקל איז באזירט אויף האלב רויע פאקטן און אפעלירט צום מענטשנס געפיל. דער שרייבער טענ'ט אז א געוויסער מינימאלער פראצענט פון מענטשן וואס זענען דערקלערט געווארן אלץ מוח-טויט האבן שפעטער צוריק אנגעהויבן אטעמען פון זיך אליינס (וואס מיינט און אנדער ווערטער אז די מענטשן זענען בכלל נישט געווען מוח טויט). דער שרייבער זאגט אבער נישט אויס דעם סוד אז אן ענליכע מאס טעותים מאכן זיך ווען מ'מעסט טויט דורך הארץ-קלאפעניש. חוץ מזה וואס פאקטן זענען פאקטן בלי שום שייכות צו די מענטשן וואס דארפן דעטערמינען די פאקטן מאכן טעותים צי נישט.

ביי אונז אידן וויסט מען אז דער גאנצער ענין פון מות מוחי איז אן ערנסטע הלכה'דיגע שאלה מיט גדולי עולם אויף ביידע זייטן פון דער שאלה. מאנכע אידישע בלאגס האבן אנגעצייכנט דעם וואלס טריט דזשורנאל ארטיקל כאילו דאס איז א ראיה צו די פוסקים וואס האלטן אז מוח-טויט איז נישט טויט. מען דארף אבער געדענקען אז הלכה פסק'נט מען נישט מיט געפיל, און אודאי נישט מיט צייטונג ארטיקלען. הלכה קען נאר גע'פסק'נט ווערן נאכדעם וואס דער פוסק האט די פולע בילד פון אלע פאקטן פאר זיך. און דאס איז וואס דער וואל סטריט דזשורנאל ארטיקל האט נישט.

**על המחיה** • 4טן מאי 2016

און די משפחה מאגאזין פון פסח איז געווען גאר אן אינטערעסאנטע אינטערוויו מיט הרב פרופ' אברהם שטיינברג איבער דעם ניסוי הכבשה וואס איז געמאכט געווארן מיט די אינסטראקשענס פון הגרש"ז אויערבאך זצ"ל וואס דערנאך האט רש"ז צוריק געצויגן פון זיין פסק אז מוות מוחי איז נישט ריכטיג טויט, אבער עס האט למעשה נישט געטוישט די פראקטישע שטאנדפונקט לגבי תרומת אברים ווייל ער האט געהאלטן אז מען מעג נישט צורירן דעם מענטש ווייל ער איז א ספק גוסס

**דעת תורה** • 4טן מאי 2016

[צו הקטן:]

זייער אינטערעסאנט אבער אי רעלעוואנט צו דעם אשכול. דער גאנצער ארטיקל און די שטודיע באציען זיך צו מענטשן וואס זענען שוין געווען גענצליך טויט, זייער הארץ האט אויפגעהערט קלאפן, און, אין רעזולטאט, דער מח אויך. אויב עפעס פארשטארקט עס נאר יידל'ס נאראטיוו אז די זעלבע געשעט מיט די הארץ טויטע אויך. דער עצם פענאמען אז מענטשן'ס הערצער האבן צוריק אנגעהויבן קלאפן, איז אויב עפעס, א ראיה צו דער מערכה פון רמ"ד בימיו דארט אין בערלין יעצט ווייל איך הערן ווי שיין דו ביסט מסביר פארוואס מ'דארף זיך "נישט" רעכענען מיט דער שטודיע און די פאקטן.

(דער אמת מיין איך אז די זאכן פאסירן נאר ביי קארדיאק ארעסט וכדו', נישט ווען די הארץ הערט אויף צו קלאפן מחמת חלאים אחרים. קארעקט' מי איף איים ראנג.)

**הקטן** • 5טן מאי 2016

איך האבן נישט דארך געטון די הלכה און אויך נישט די פאקטן

וואס איז מיר געווען אינטערעסאנט מיט דעם שטודיע איז, אז מח טויט מיינט נישט קאנשען טויט - דאס ווייזט דער שטודיע זייער קלאר
דאס מיינט אז און יעדן פאל ווען דער מוח איז טויט ווייסן מיר באמת נישט, צי דער קאנשעס איז פארלאשן צי נישט.
אויב דו מיינסט דאס איז נישט רעלאוואנט, זאל זיין אזוי

הלכה, לויט וואו איך פארשטיי, רעכנט זיך נישט מיט א קאנשען אדער נישט קאנשען
הלכה רעכנט זיך מיט נשימה - צו אלס ויפח באפיו נשמת חיים
צו ווייל הלכה איז געבויט אויף objective measures
ווייל לא ניתנה תורה למלאכי השרת.

קארדיאק ארעסט איז א קאנדישען וואס א יעדער וואס איז היינט טויט האט דארך געמאכט. מען קען נישט זיין טויט אן דעם.

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

פיר קורצע שטיקלעך פון צוויי אשכולות אויף היידפארק אין תשס"ו: „קרעמער“ און זיינע שאלות אויף דער סדרה, און א מעשה פון ר' יענקעלע.

## ווי האט געהייסן זייער טאטע?

**אייןסאטמאר:**

רש"י זאגט אויף קרית ארבע "ע"ש אחימן ששי ותלמי ואביהם"

וויאזוי האט געהייסן זייער טאטע?

**קרעמער:**

דער מוסף רש"י דא אויפן פלאץ (אין דעם המאור חומש) ברענגט א רש"י אין יהושע (י"ד, ט"ו), אז זייער טאטע האט געהייסן ארבע!

היידפארק • „~~~ שאלות אויף פרשת חיי שרה ~~~“ • 23סטן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1678341.html#p16073017

## ווען האט אליעזר באקומען זיין פרייהייט?

**קרעמער:**

[פארקירצט]

אין מסכת סופרים (פרק כ"א הלכה ט') שטייט: עוג הוא אליעזר ופרסות רגליו [של, (גירסת הגר"א)] אברהם אבינו היה טומנו בכף ידו ופעם אחת גער בו ומיראתו נפל ממנו שינו כו' עכ"ל, (אזוי שטייט אויך אין ילקוט שמעוני סוף פ' חקת רמז תשס"ה), קומט דאך אויס אז אליעזר איז דורכדעם ארויס פריי, ווייל די הלכה איז אז אויב א הער מאכט אז די ציין פונעם קנעכט זאל ארויספאלן, גייט דער קנעכט ארויס לחירות! (ועי' כסף נבחר פ' בלק מזה).

הײדפארק • „~~~ שאלות אויף פרשת חיי שרה ~~~“ • 27סטן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1678341.html#p16132367

## א תירוץ פאר שלום עליכם

**קרעמער:**

איידער איך ענטפער אויף מיינע שאלות, וויל איך ענטפערן אויף דער שאלה פון בן הרחמן;

עס ווענדט זיך אין די צוויי תירוצים פון תוספות בבא בתרא דף קמ"א ע"א, אויב די טאכטער "בכל" איז געווען פון הגר אדער נישט.

(איך האב דאס געפונען איידער איך האב אנגעהויבן זינגען "שלום עליכם" פרייטאגצונאכטס, ווען נישט וואלט איך מסתמא געהאט א צעשטערטע שבת).

**בןהרחמן:**

נאך א מזל דו האסט געטראפן דעם תירוץ, ווייל פרייטאג נאכמיטאג ווען איך האב דיך געזען האסטו נאך אויסגעזען היבש פאר'דאגה'ט און אנגעצויגן, ב"ה אז ביי קידוש איז שוין געווען רוהיג ,

[פארקירצט]

הײדפארק • „~~~ שאלות אויף פרשת חיי שרה ~~~“ • 27סטן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1678341.html#p16132047

## ר' יענקעלע און די זומערדיגע ערב שבתים

**כמו_טערקיש:**

א סיפור פון ר' יענקלע האט איר געוואלט?
איז נאדיר!
געהערט פריש די מוצאי שב"ק ביים סעודת דוד מלכא דמשיחא!

איז אזוי...

ווי באקאנט פלעגט ר' יענקלע זיך זייער שטארק יאגן ערש"ק, האט אים זיין גבאי אמאל געזאגט אז ער האלט אז דער רבי האט בעסער ליב די זומערדיגע ערב שבתים!

האט אים ר' יענקלע געפרעגט פארוואס האלטסו אזוי? (קענענדיג זיינע משבקי"ם)

אהט אים דער גבאי געזאגט ווייל אין די זומערדיגע ערש"ק האט ער מער צייט זעך צו יאגן!!!

איך האב עס געהערט פון איינער וואס איז דארט געווען בשעת מעשה און ער זאגט אז דער רבי האט זיך אזוי שטארק צולאכט!!!!!

הײדפארק • „דינסטאג תולדות תשס"ו" • 30סטן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1692772.html#p16178380

אנשי שם • צום יארצייט

# ר' יענקעלע פשעווארסקער און ר' בן ציון שענקער

שבת קודש, כ"ז חשון, איז דער יארצייט פון ר' יענקעלע פשעווארסקער זצ"ל (תשנ"ט). אין 2016, באלד נאך דער פטירה פון ר' בן ציון שענקער, דעם מאדזיצער בעל מנגן, האט „moshav zekeinim" זיך געכאפט אויף אן ענליכקייט צווישן די צוויי – און דער עולם האט צוגעלייגט, אפגעפרעגט און פארררעכט.

פון **moshav zekeinim, ליטוואק פון בודאפעסט** און **berlbalaguleh** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • אנשי שם • „ר' בן ציון שענקער vrs ר' יענקעלע (לייזער)" • 30סטן נאוועמבער – 1טן דעצעמבער 2016

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11113.html

---

**moshav zekeinim** • 30סטן נאוועמבער 2016

איך פלעג א סך מאל טראכטן צו זיך, וויאזוי וואלט געווען ר' יענקעלע פשעווארסקערס אנזען ווען ניטש וואס ער ווערט אן אידעם ביי ר' איציקל. [פארקירצט] זיין געשמאק און שיחות כמעיין המתגבר, זיין ליבליכקייט און צוגעלאזנקייט, האט ער דאך געהאט אפילו אן א זיין אן אידים ביי ר' איציקל. און ער פלעגט טאקע פאקטיש מפיץ זיין פון זיין אוצר אין יאנג איזראעל בעת ער איז געווען כל כולו מנותק פון ר' איציקל. וואלטן דאס מענטשן מיט די יארן אפרישיעטעט אזוויי מען האט עס ווען ער איז געווען אונטער זיין שווערס הויף, אדער וואלט ער סתם געווען א באטאמטער אידל מיט ניטש מער ווי א גוטער נאמען אין זיין געגנט אינעם איסט סייט אדער וויליאמסבורג?

יעצט ווען עס איז אויסגעפאלן זיין יארצייט, בעיצומו של האבלות בין אלו הדבוקים בצלילי האצילות אויף דער פטירה פון דעם שופר פון ניגוני מאדזיץ וואס איז די לעצטע צען יאר פארוואנדלט געווארן ווי דער סענטראלער גייסט פון אטענטיש חסידישע מוזיק, און ממש פארוואנדלט געווארן אין א רבן של ישראל פאר אלע וואס האבן געוואלט נתקרב און העכער ווערן דורך געהויבענע מוזיק, האב איך אנגעהויבן צו קלערן פון א שטיקל בילד וויאזוי ר' יענקעלע וואלט געקענט אויסזען אין דער וועלט אפילו אן זיין שווערס אים האלטן מיט שטריק צו זיין הייפל.

איך האב פלוצלינג אנגעהויבן צו באמערקן א שטארקער ענדליכקייט צווישן ר' יענקעלע און ר' בן ציון, זיי האבן ביידע פארמאגט א געוואלדיגער ענוה און צוגעלאזנקייט. זיי האבן ביידע ליב געהאט צו שמועסן און זיין מיט מענטשן, און ניטש מבחין געווען צווישן יונג און אלט, ביידע האבן ליב געהאט אמת'דיגקייט און נאטור. ביידע האבן זיי עוסק געווען א גאנץ לעבן מפרסם צו זיין מורשת רבותיהם, ר' בן ציון די נגינה, און ר' יענקעלע די סיפורים און פנינים. ביידע זענען געווען פיאנערן אין קאסעטן, פון די מערסט פארשפרייטע סעריע קאסעטן ביים היימישן עולם במשך צענדליגער יארן זענען געווען די קאסעטן פון ר' בן ציון אין נגינה, און פון ר' יענקעלע אין סיפורים ופנינים. אלזא, עס איז ניטש אויסגעשלאסן אז ר' יענקעלע אלס אידל אין דעם איסט סייד וואלט געענדיגט אזוויי ר' בן ציון. א לעגענדע אין קוועליגקייט, השראת אחווה, שמחה, געשמאק, נארמאלקייט, גראדקייט, און ענוה.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 30סטן נאוועמבער 2016

זיין א נארמאלע צוגעלאזענע מענטש דארף צו זיין דער פשטות, ניטש קיין אויסנאמליכע מעלה. נאר ר' יענקעלע'ס מעלה איז געווען כאטש דעם וואס ער איז געווען א וועלטס רבי, וואס צוליב דעם וואלט ער געדארפט זיין א קאניבאל ועוד, און פון דעסטוועגן איז ער געווען א פריינדליכע צוגעלאזענע מענטש. ווען ער איז סתם א פארציילער פון באבע מעשה'ס, ט'מיט וואס זאל ער זיך בארימען? א משל דערצו איז דער מחבר פון 'שיח זקנים' (זקנות).

נאך א זאך, רב"צ האט עפעס געגעבן צו דער וועלט, נעמליך פיינע ניגונים. וואס האבן מיר פון פאנטאזיע'ס און וואונדער געשיכטעס וואס ווייזן גארנישט אויף?

**berlbalaguleh** • 30סטן נאוועמבער 2016

מושב זקנים: איך וויל נאר קארעקטן היסטארישע פאקטן. אין דיין פתיחת האשכול לייגסטו אראפ ר' יענק'עלע פשעווארסקער זצ"ל, כאילו ער האט נישט געהאט קיין ערך עצמו. און זיין גאנצע מהות איז נאר געווען אין שאטן און אין זכות פון זיין שווער.

ערשטנס. דער היסטארישער פאקט איז אז ער איז געווען צוזאמען מיט זיין שווער ר' איציק'ל פשעווארסק'ער אין סיביר. דארט האט ר' איציקל איינגעזען זיין גדלות בתורה ויראת שמים און מידות טובות.

[פארקירצט]

**moshav zekeinim** • 1טן דעצעמבער 2016

[צו ליטוואק פון בודאפעסט:]

איך זע נישט מיט וואס נגינה איז ווערדפולער ווי דברי פנינים.ביידע זענען געשמאק אויף אן אנדער אופן. דער פאקט איז אז מענטשן האבן זיך פארסמאקעוועט מיט ר' יענקעלעס קוואל פון דברי פנינים. דער צוגלייך צווישן די צוויי איז אבער אין זייער כושר השראת אחווה און געשמאק.

וואס איך וויל דא ארויס ברענגען איז אז אזויווי ר' בן ציון האט געענדיגט ווי אן ויסגערופענער פערזענליכקייט אן א זיין א רבי, אזוי וואלט ר' יענקעלע אויכעט געקענט

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

כ"ה חשון – א' כסלו. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף הײדפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר. דאס איז א צווייטע וואך פון דער זעלבער רשימה וואס מיר האבן געברענגט אין נומער 1.

**פון פרזניקק10 און כינרו1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 16טן און 23סטן נאוועמבער 2003
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html

---

### דאנערשטאג, כ"ה חשון • 5טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' יצחק יואל ב"ר גדליהו מלינץ זי"ע • תקפ"ח
- הרה"ק ר' נפתלי מליזענסק ב"ר אלעזר זי"ע • תקצ"ט
- הרה"ק ר' מרדכי מבילגורייא ב"ר ישכר דוב מבעלזא זי"ע • תש"י

### פרייטאג, כ"ו חשון • 6טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' רפאל הכהן אב"ד המבורג ב"ר יקותיאל זיסקינד זי"ע (בעמח"ס תורת יקותיאל ושו"ת ושב הכהן) • תקס"ד

### שבת קודש, כ"ז חשון • 7טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' דוד מפלויישט ב"ר שלום יוסף זי"ע הי"ד • תש"ד
- הרה"ק ר' יעקב ב"ר דוד יצחק לייזער מפשעווארסק זי"ע אנטווערפן • תשנ"ט

### זונטאג, כ"ח חשון • 8טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' אליעזר ליבר [הגדול] המגיד מברדיטשוב ב"ר אברהם אשכנזי זי"ע • תקל"א

### מאנטאג, כ"ט חשון • 9טן נאוועמבער

- הגאון ר' שמעון יהודה ב"ר יעקב פונפדר אבד"ק טוקאי זצ"ל (בעמח"ס מעיני מים) • תרל"ג
- הרה"ק ר' אברהם אביש ב"ר יעקב שמשון קנר מטשכויב חיפה זי"ע • תשד"ם

### דינסטאג, ל' חשון • 10טן נאוועמבער • א' דראש חודש

- הרה"ק ר' צבי הירש הכהן מרימינוב ב"ר יהודה לייב זי"ע • תר"ז

### מיטוואך, א' כסלו • 11טן נאוועמבער • ב' דראש חודש

- הגאון ר' אפרים ב"ר ישראל אלנקאווה זצ"ל הרב מתלמסאן (בעמח"ס שער כבוד ה') • ר"ב
- הרה"ק ר' שלום שכנא מלובלין ב"ר יוסף זי"ע • ש"ט
- הרה"ק ר' יוסף שמואל אב"ד פפד"מ ב"ר צבי הירש זי"ע (בעמח"ס מסורת הש"ס) • תס"ד
- הרה"ק ר' יצחק ב"ר שמואל זי"ע (בעמח"ס פחד יצחק) • תקי"ז
- הגאון ר' חיים נתן דמביצר מקראקא זצ"ל (בעמח"ס כלילת יופי) • תרנ"ג
- הרה"ק ר' משה ב"ר יוסף אלטר מראדוביץ זי"ע (בעמח"ס ויקח משה) • תרס"ה

הומאר

# מען זיכט א שידוך פאר זאפטל

די וואך שיקט אברהם אבינו זיין קנעכט צו זוכן א שידוך פאר יצחק. „בעל מדות“ האט אונז געלאזט הערן א טעלעפאן־שמועס פון א טאטע מיט א שדכנטע – און ער הערט נישט אויף צו לויבן זיין זון.

פון **בעל מדות**

קאווע שטיבל • א שמייכל • „מען זיכט א שידוך פאר זאפטל...“ • 3טן סעפטעמבער 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9546.html

העלאו? יא איז דאס דער שדכן מיס קליין? יא א גוט יאר דא רעדט מר. יענצל צימענט די טאטע פון זאפטל, איך וואוין אין אוריגווי, איך ארבעט מיט דיאמאנטן, יא אוודאי קען איך פריעד זיי זענען מיינע שכנים וואס? איר האט אויסגעפירט זייערע שידוכים? אהא איך הער יא יא איר טוט א געוואלד מיט חסד, איר ווייסטאך עס הערשט א מאנגל אין שדכנים איר טוט א געוואלדיגע זאך...

יא איז אזוי איך האב עטליכע קינדער ממש מצויינים וואס שטייען יעצט ביים שוועל פון דעם זמן שידוכים און זיי וואקסן מיר אונטער און בפרט מיין עלטסטער ממש מען זאגט אויף אים אז ער איז די קומענדיגע ווילנע גאון פון דעם דור, הא? וואס? ניין!.. איך זאג אז די ראש הישיבה זאגט גרויסע זאכן אויף אים, יא זיינע חברים זענען מלא התפעלות פון זיין התמדה...

עניוועיס מיין זון דארף א שידוך, מען צערייסט זיך אויף מיינע קינדער, פון אלע זייטן קריג איך טעלעפאן רופן, יא... אבער איך ברויך עקספיריענס, איך קעניש צוהערן צו אלע טעלעפאן רופן ווייל מען מוטשעט מיר אויף שוואכע זאכן, איך ברויך עפעס א מחותן וואס זאל האבן פון די גרינע איר פארשטייט וואס איך מיין.

מיין זון זיכער! ער דאוונט פאר שעות! עס נעמט אים דריי שעה זיין שחרית, ער איז אלעמאל בעל תפילה, איר דארפט הערן דאס ער האט א גאלדענע שטום, שוין ממש פון אלץ קליין קינד האט ער געזינגען ביי משפחה שמחות...מענטשן פלעגן ממש שטיין געפלעפט צו הערן זיין זיסע קול, יעצט אלץ בחור זאגן מבינים אז ממש ער דארף גיין צו וואויס לעססאנס, איך האלט אז די נעקסטע הינדערט צוואנציג יאר ימים נוראים האט ער זיין פאזיציע ביי א ברעטל, די רב פון שול האט אים לעצטענס געזאגט "מען זעט אז דיינע איברים זענען מוזיקאליש".

זיינע מדות? ער האט א הארץ פון פוטער א נשמה פון גאלד ער געבט מיר א שטיק נחת, ממש זיין צורה שיינט, ...יויש איך ווער אזוי עמאושענעל, ער הייסט נאך מיין טאטע וואס פלעגט זיין אזא ווארילע איד א צדיק, נישט לאנג צוריק האט מיר א איד דערציילט וועגן מיין זון אז ער איז פארביי א מחאה דורך אנשי נטורי קרתא אינגעלייט און זיי האבן נישט פארמאגט גענוג מענטשן צו האלטן די שילדן וואס מען הענגט און האלט, זיי האבן געזען מיין זון דורכגיין און אים געבעטן ארויסצוהעלפן, נו פאר פינעף שעה האט ער זיי געהאלטן דעם שילד ממש אן אומגלויבליכע זאך, זיך אוועקגעבן פאר א צווייטן פאר אזא לאנגע צייט איך שטראל ווען איך הער אזעלכע זאכן.

מיין זון איז אן אמת'ע געטרייער ער שטעלט זיך אלעמאל אפ צו געבן היטשעס פאר מענטשן...הממממ וואס האב איך געזאגט? נישט געמיינט היטשעס ער ..העממ...מממ... ער חס ושלום וואס היטשעס? ער קען ניטאמאל דרייוון ער האט געפעיל"ד זיין ראוד טעסט...געוואלד וואס זאג איך דא? ער לערנט אין היטשן ער ממש איז די בריח התיכ...ווי זאגט מען נאר די "בריח התיכון" יא דאס! די הנהלה האט אים באשטימט צו זיין גבאי חק"ס! יא גבאי חק"ס! ער איז גוט! ער קען פירן א פירטשאפט מיט אזא געניטקייט און געטריישאפט, איך הער נאך פון מענטשן אז די סיסטעם וואס ער האט דארט איינגעשטעלט מיט די סטיקערס אויף די ספרים פאסן נאר פאר א ריזיגע קאמפאני מיט עטליכע מענעדזשערס! איך מיין איך טרייב נישט איבער ווען איך גיי דיר זאגן אז ער די גאנצע ממונה אויף די הענגער'ס אין ישיבה, ער פירט דעם פלאץ און מאכט זיכער אז אלעס קלאפט.

**ער האט א הארץ פון פוטער א נשמה פון גאלד**

וואס פרעגט איר? צי ער איז מטשאר? איך גלייב נישט! ער דרייט זיך נאר מיט ערליכע בחורים!

מיין חתן בחור -זאלט איר וויסן- רירט נישט צו צום שעדליך אפגעפרעגטן ציגערעטל ניטאמאל שטיין נעבן א רויכערער מעג ער, ער איז אלערגיש צו רויעך.

און אז מען רעדט, איך האף איר שרייבט אראפ, מיין זון האט פארלוירן שוין דרייסיג פונט זינט שבועות, נעבעך ער איז נישט

שולדיג ער פארמאגט די א.נ. קראנקהייט וואס מאכט אים פעש, איך אינוועסט גרויסע געלטער אים דאר צו מאכן אבער איר דארפט נישט זארגן ער וועט זיין דארביים בעשוי.

אהה! פארגעסן צו דערמאנען ער רופט אויס די נעמען ביים עולה זיין ב' וה' און ער איז דער אויסשליסליכער גבאי ביים קאלעקטן די געלט דערפאר, יא! יא! אט דאס יא! אזוי ווי איר זאגט, די ישיבה האט געוואלדיגע טראסט אין אים.

יעצט למעשה זיין יארגאנג רוקט זיך און איך קען באשטיין אים חתונה צו מאכן בעפאר ער ווערט צוואנציג, יא קע"ה ער עלטערט זיך אין פריידן ער ווערט יעצט פינעף חדשים צו זיין צוואנציג... אבער עס איז נארמאל איך בין אזוי מיט אלע מיינע קינדער, איך יאג זיך נישט ביז די אכצן.

איך האב ניטאמאל גערעדט מקצת שבחיו, ער איז א ריז אין דעם נושא פון טאלאנטן ער פארשטייט צו גרעפיקס הוהא ער מאלט אניגראמען פאר זיינע חברים! איך זאג אייך מען רעדט נישט דא פון "א זאך" מען רעדט דא פון "די זאך" א כלי, א בעל חסד, אן איידעלער, א תלמיד חכם קיין עין הרע א טשאטשקע.

אוןביידעיוועי וויזוי צאלט מען אייך? איר נעמט טשעקס? איך פארשטיי מען האלט נאכנישט אינערגעץ אבער איך וויל גרייט מאכן די געלט איך בין זייער אן אויסגערעכנטער און גראדע מיין זון איז אן עפל פון בוים ווי גייט דער אויסדרוק?...ער איז א מסודר'דיגער א פינקטליכער מיט צייטן אזש עס איז א געשמאק צו ארבעטן מיט אים אינאיינעם.

יא איך זאג אייך נאכאמאל ער איז א כלבו.. פרעגט אייך נאך ביי זיינע חברים איך געב אייך די נומערן איין רגע'לע האלט דעם טעלעפאן, געדענקט אבער אז צופיל איבריגע אינפארמאציע קען נאך שאטן איר ווייסט וואס מען רעדט דא און איר וועט קענען טון אויך אן זייטיגע הילף.

[פארקירצט]

יא יא! איך פארשטיי וואס איר זאגט, און אוודאי פארגעסט נישט איר זענט העפליך געלאדנט צום לחיים און תנאים, איר זענט דאך פון די הויפט בעלי שמחה...

פיין איך ווארט אויף אייער קאל...

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף קאווע שטיבל אויף דעם זעלבן טאג, דעם 5טן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן?

14
יאר צוריק
2012

## אין בית המדרש בלא חידוש

**שמואל הלוי** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 5טן נאוועמבער 2012

איך האב לעצטענס געהאט צוויי מאל וואס איך בין געוואויר געווארן הלכות אומדירעקט זייענדיג אין ביהמ"ד, ולתועלת הרבים וועל איך עס דא אראפשרייבן.

1) ס'איז נישט געווען א כהן, און מ'האט אויפגערופן א לוי במקום כהן, און גלייך נאכדעם נאך א לוי. האט עמעצער זיך געוואונדערט אז ס'איז קעגן שו"ע, און גלייך איז ער צוריקגעקומען מיט אן אויפגעמישטע שו"ע ווי ס'שטייט טאקע קלאר אז מ'רופט נישט אויס א לוי נאך א לוי, ווייל ס'מאכט אויסזען כאילו דער ערשטער לוי איז נישט קיין מיוחס'דיגער לוי.

2) איך בין געווען פויל זיך אראפצוזעצן ביי נפילת אפים, האב איך געמאכט נפילת אפים שטייענדיג. האט מיר שפעטער איינער געוויזן אין שו"ע, אז נפילת אפים מוז זיין דוקא זיצענדיג.

---

איך גלויב אז אסאך אירע פון דא קען צולייגן הלכות וואס מ'איז געוואויר געווארן אין ביהמ"ד, נו פארוואזשע נישט אראפשרייבן דא, זאל א צווייטער אויך הנאה האבן.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2289.html

11
יאר צוריק
2015

## וואסער טרינקען בין השמשות

**געוואלדיג** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 5טן נאוועמבער 2015

מדרש שוחר טוב תהילים יא

„השותה מים בין השמשות גוזל את מתיו"

והטעם, שבלי הלקט ענין שבת סי' קכו

„כל בין השמשות נותנים רשות לנשמתן של מתים לשתות מים וכל השותה מים בין השמשות בשעה ששותות נשמות מתות אין מניחין נשמה של מת קרובו לשתות מים"

און לפי זה איז דאס נאר אין י"ב חודש לאחד מהקרובים.

דער רבינו תם (ספר הישר סי' תרכ) לייגט צו "בשבת"

והטעם מובא בב"י או"ח סי' רצא, בדפוס מנטוה וסאלוניקי

„לפי שהמים צריכים במוצאי שבת כדי לכבות האש מן הגיהנם כשמורידין בו הרשעים במוצאי שבת ואם היה שותה כאילו גוזל את המתים"

אבער דער מרדכי אין פסחים פרק ערבי פסחים ברענגט בשם רבינו משולם

„במדרש שלו דגריס בערב שבת במנחה כאילו וכו' וטעמא משום דעייפין מן הדין שסבלו כל השבוע ושותים"

און דער ב"ח איז משלב

„ונ"ל דכיון דחשש סכנה הוא יש ליזהר בשניהם"

נאר פאר איר ווערט דערשראקן, דער ב"י אויפן פלאץ זאגט אז נאר פון נהרות וכדומה אבער פון וואסער אין שטוב דארף מען בכלל נישט חושש זיין.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9749-2.html

8
יאר צוריק
2018

## שער היחוד פונעם הייליגן חובת הלבבות

**קאך_לעפל** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 5טן נאוועמבער 2018

ווי ס'איז באוויסט האט דער הייליגער ווילנער גאון אנגערופן דעם שער היחוד פונעם הייליגן חובת הלבבות: חקירה הארורה.

כ'האב עטוואס שווערקייטן צו פארשטיין פארוואס.

דער באדייט פון פילאזאפיע לויט ווי איך פארשטיי איז צו נעמען א טעמע און עס גענצליך צונישט מאכן, און עס דאן צוריק אויפבויען מיט ראציאנאליזם און מיט קאלטע לאגיק. נעמליך,ווען ס'קומט צו טעמעס פון סייענס און פיזיקס איז דאס ווארשיינליך נישט קיין שום פראבלעם אפילו פון א אידישער שטאנפונקט. אבער ווען די טעמע איז דת איז פילאזאפיע אלעמאל געווען היפש קאנטראווערסיאל.

דער הייליגער רמב"ם האט אראפגעשטעלט 13 יסודות אין דת, הארטע טריקענע פאקטן וואס איטלכע איד איז הייליג פארפליכטעט צו גלויבן. נאך מער אפילו עמיצער איז חלילה דורכגעפאלן און ער האט אנגעהויבן צו פארשן אין אנגעלעגנהייטן וועלכע האבן צו טאן מיט די דאזיגע 13 יסודות, און אין רעזולטאט האט זיך אין אים אנטוויקלט אומפארשטענדעניש, ליגט אויף אים א פליכט אלס א איד אויסצורייסן זיינע ראציאנאלע טראכטונגען און פשוט גלייבן אין די דאזיגע דרייצן יסודות.

דער לעגענדארער אידישער כופר ברוך שפינאזא שר"י, האט נישט געגלייבט אין גארנישט ביז ער האט דאס נישט באשטעטיגט ראציאנאל. אין רעזולטאט איז ער געקומען צום אויספיר אז דער תורה איז נישט פון משה רבינו חלילה, נאר פון עמיצער וואס האט געלעבט פול יארן שפעטער. ער האט מיט דעם דאזיגן אויספיר ארויפגעצויגן אויף זיך דאס גרימצארן סיי פון די רבנים אין האללאנד וועלכע האבן אים ארייגעלייגט אין חרם און פארשאלטן מיט א פולסא דנורא, און סיי דורך דער קאטוילישער קירכע וואס האט אים אנגערופן דער פארשאלטענער ברוך.

אבער מיר ערליכע אידן וואס מיר ווייסן אז די דרייצן יסודי הדת פונעם הייליגן רמב"ם איז א ווירקליכער מציאות, וואס איז ניטאמאל שייך אפצופרעגן, אפגעזען פון סיי וועלכע ראציאנאלע אויספירונגען, דאן פארוואס זאלן מיר זיך נישט באשעפטיגן אין שער היחוד?

און אנדערע ווערטער אויב ווייסן מיר אז די דרייצן יסודות פונעם רמב"ם איז א ווירקליכער מציאות, דאן פארוואס איז פארבאטן זיך צו פארטיפן אין זיי אויף ראציאנאלע פארנעם? דער אויספיר וועט ממלא גארנישט ענדערן, ווייל די דרייצן יסודות איז דאך א ווירקליכע מציאות, און א מציאות איז נישט שייך צו ענדערן.

אויב איינער קען אריין קומען קלאר, וועל איך אים שטארק דאנקבאר זיין.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12689.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם שמועס וועגן עפרון (זעט „שמועסן אויף דער סדרה“) האט „מאטי“ דערציילט די גאנצע מעשה ווי א היינטיגן רעאל־עסטעיט געשעפט:

מיר ווייסן אלע אז יעדע פרשה וואס די תורה שרייבט קומט אונז לערנען עפעס.
אייגענטליך איז "תורה" טייטש לערנונג.
אלזא, איז מיר אלץ שווער געווען, וואס איז נוגע די פרשה פון עפרון? וואס איז מיר א חילוק דאס גאנצער השתלשלות, אז אברהם האט קודם זיך געבעטן ביי די בני חת, און זיי האבן אים צוגעפירט צו עפרון, און די גאנצע מעשה אז עפרון האט קודם נישט געוואלט נעמען באצאלט, און אברהם האט זיך נישט געלאזט. ביז צום סוף "ויקם השדה" אברהם האט ענדליך באגראבן זיין ווייב שרה. וואס איז דאס נוגע?

ס'קען זיין אז דער פשט איז אזוי.

דער עפרון, א פיינער חברה מאן איז ער געווען, איך מיינט אז ער האט געוואלט אוועק געבן א צוויי שטאקיגער בילדינג אומזיסט? נע!!! אין חלום נישט. ער האט מסתם געהאט א גרויסער מארגעדש אין צוגאב צו א הויז עקווערטי לאון אויפן הויז. די באנק האט דאס געוואלט אוועקנעמען, האט ער געזאגט פאר זיינע אגענטן די בני חת זיי זאלן זוכן א קעש אינוועסטאר, מ'זאל קענען שארט סעלן.

אברהם האט זיי געבעטן אפצוקויפן דאס הויז האבן זיי ציניש אים צוגעפירט צו עפרונ'ן. עפרון האט אנגעהויבן אראפלייגן דער מצב מיט פילפארביגע קאלירן אז מ'קען דא ארויסדערוויישן דאס הויז ממש אומזיסט.
אברהם האט זיך אבער נישט געלאזט, און ער זאגט אים, "הער מיך צו ר' עפרון, נישטא קיין אומזיסט! ווילסט דיך אראפזעצן ווי א נארמאלער מענטש פארהאנדלען הרי טוב, אז נישט זיי מיר געזונט, און מיר בלייבן גוטע פריינט.

אבער עפרון געט נישט אזוי שנעל אויף. ער זאגט אים זיי נישט קיין נער! איך האב געצאלט וואן פוינט פייוו פאר דעם בילדונג, דו געב מיר אונטערן טיש "ביני ובינך מה הוא" פיר מאות, און איך וועל שוין פארהאנדלען מיטן באנק מענעזשער.

אברהם זאגט אים ניין!! איך האב נישט קיין שווארץ געלט. נישט קיין פוד סטעמפס, וויק, אכטער, וואוטשערס, ארונישער וועקסלען, דריטע פארטיי טשעקס. איך האב נאר כשר געלט אין באנק באצאלט טעקס, און איך מאך א געהעריגער ווייער טרענספער (עובר לסוחר) פון מיין אקאונט צו דיינס מיט א לויער אין באנק.

כנלע"ד

**מאטי** • קאווע שטיבל • 28סטן אקטאבער 2013

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5044.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „מערת המכפלה: פון אברהם אבינו ביז היינט“ · **שמעלקא'לע**<br>קאווע שטיבל · היסטאריע · אשכול „מערת המכפלה“ · 24סטן נאוועמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11105.html |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „עפרון החתי: א געלטגייציגער, אדער א גוטהארציגער בעל חסד?“ · **אליצפן, יאיר, הערשי און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „עפרון החתי: א געלטגייציגער ד"א, אדער א גוטהארציגער בעל חסד?“ · 25סטן–29סטן אקטאבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5044.html |
| **הלכה־שמועס** | „קיחה קיחה משדה עפרון“ · **ארגינעלער, mefikel, פאטאקי08 און שירעם**<br>הײדפארק · כל העולם כולו · אשכול „שואל ומשיב במס' קידושין“ · 16טן–19טן נאוועמבער 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/2077980.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „ווען איז א מענטש טויט?“ · **יידל, על המחיה, דעת תורה און הקטן**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „מוח-טויט: וואל סטריט דזשורנאל שרעקט אן מענטשען“ · 12טן מערץ 2012 – 5טן מאי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/146.html |
| **אנשי שם • צום יארצייט** | „ר' יענקעלע פשעווארסקער און ר' בן ציון שענקער“ · **moshav zekeinim, ליטוואק פון בודאפעסט און berlbalaguleh**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „ר' בן ציון שענקער vrs ר' יענקעלע (לייזער)“ · 30סטן נאוועמבער – 1טן דעצעמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11113.html |
| **הומאר** | „מען זיכט א שידוך פאר זאפטל“ · **בעל מדות**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „מען זיכט א שידוך פאר זאפטל...“ · 3טן סעפטעמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9546.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „אין בית המדרש בלא חידוש“ · **שמואל הלוי** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 5טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2289.html |
| **היינט מיט 11 יאר צוריק** | „וואסער טרינקען בין השמשות“ · **געוואלדיג** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 5טן נאוועמבער 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9749-2.html |
| **היינט מיט 8 יאר צוריק** | „שער היחוד פונעם הייליגן חובת הלבבות“ · **קאך_לעפל** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 5טן נאוועמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12689.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **פרזניק10 און כינר1** · הײדפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 16טן און 23סטן נאוועמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווי האט געהייסן זייער טאטע?“ · **אייזסאטמאר / קרעמער** · הײדפארק · „~~~ שאלות אויף פרשת חיי שרה ~~~“ · 23סטן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1678341.html#p16073017 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ווען האט אליעזר באקומען זיין פרייהייט?“ · **קרעמער** · הײדפארק · „~~~ שאלות אויף פרשת חיי שרה ~~~“ · 27סטן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1678341.html#p16132367 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א תירוץ פאר שלום עליכם“ · **קרעמער / בזהרחמן** · הײדפארק · „~~~ שאלות אויף פרשת חיי שרה ~~~“ · 27סטן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1678341.html#p16132047 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „ר' יענקעלע און די זומערדיגע ערב שבתים“ · **כמו_טערקיש** · הײדפארק · „דינסטאג תולדות תשס"ו“ · 30סטן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1692772.html#p16178380 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **מאטי** · קאווע שטיבל · 28סטן אקטאבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5044.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 9טן נאוועמבער – נומער 6, דער דריטער וועלטליכער נומער. דאנערשטאג, דעם 12טן נאוועמבער – נומער 7, אויף פרשת תולדות.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.